STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01577

DER IKER FUN MARKSIZM

Eduard Bernstein

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Lawrence & Yvette Gralla
in honor of
the Glickenstein & Gralla Families

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער עיקר פון מאַרקסיזם

פון

עדוארד בערנשטיין

איבערזעצט פון ענגליש פון

י. קרעפּליאַק

אַרויסגעגעבען פון

פּ א ר ל א ג „ו ו ע ק ע ר“

פון אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד

175 איסט בראָדוויי, נ. י.

מאַי, 1923

פֿאָרוואָרט צו דער אידישער איבערזעצונג

דער מ אַ ר ק ס י ז ם, דער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזם, וואָס איז טעאָרעטיש באַגרינדעט געוואָרען פון ק אַ ר ל מ אַ ר ק ס און פ ר י ד ר י ך ע נ ג ע ל ס, איז איצט געוואָרען דער וועג־ווייזער פון דער אַלוועלטליכער סאָציאַליסטישער באוועגונג.

ווי אַלע אַנדערע וויסענשאַפטליכע טעאָריען, איז אויך דער מאַרקסיזם אונטערוואָרפען דעם אייביגען געזעץ פון ענטוויקלונג. עדואַרד בערנשטיין, אַליין אַ מאַרקסיסט און אַ פערזענליכער פריינד פון מאַרקס'ען און ענגעלס'ען, איז געוועזען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט נאָך אין די 90־גער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט אָנגעוויזען, אַז איינציגע באַהויפּטונגען פון מאַרקס'ען זיינען ניט אין גאַנצען אין איינקלאַנג מיט די פאַקטען פון דער שפּעטערדיגער ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, וועלכע מאַרקס האָט אין זיין צייט ניט געקענט פאָרויסזעהן. ער האָט אָנגעוויזען אויף איינציגע ווידערשפּרוכען אין דער מאַרקסיסטישער לעהרע און איז אַרויסגעטראָטען פאַר דעם, אַז דער מאַרקסיזם זאָל רעווידירט ווערען. די בורזשואַזע געגנער פון סאָציאַליזם האָבען זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם ווי אָן אַ גוטען און האָבען ערקלעהרט, אַז דער מאַרקסיזם איז טויט, אַז אַפילו בערנשטיין אַליין בלומרשט צו, אָז דער סאָציאַליזם איז באַנקראָט. אין דער ווירקליכקייט אָבער, ווי דער לעזער וועט זעהן פון דער בראָשורע, שטעהט בערנשטיין גאָר אויף אַ גאַנץ אַנדערען שטאַנדפּונקט. דער מאַרקסיזם איז פאַר איהם ניט קיין פאַרשטיינערטע דאָגמע. ער גלויבט ניט, אַז יעדער וואָרט, וואָס מאַרקס האָט אַרויסגעזאָגט איז הייליג. מאַרקס איז אויך געוועזען ניט מעהר ווי אַ מענש און, ווי יעדער מענש, האָט ער אויך געמאַכט טעות'ן. בערנשטיין באַווייזט אָבער, אַז

די גרונד־געדאנקען פון מאַרקסיזם זיינען היינט־צו־טאָג פונקט אזוי ריכטיג ווי זיי זיינען געווען מיט 60 יאָהר צוריק. וועז מאַרקס האָט זיי צו ערשט וויסענשאַפטליך באַגרינדעט און אַז די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם און פון דער געזעלשאַפט האָבען גלענצענד באַשטעטיגט די ריכטיגקייט פון די מאַרקסיסטישע גרונד־לעהרען. איצט, ווען מען רעדט אזוי שטאַרק וועגען „קריזיס“ פון מאַרקסיזם און דעם כלומרשטען באַנקראָט פון סאָציאַליזם, האָט דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד געפונען פאַר נויטיג ארויסצוגעבען בערנשטיינ׳ס בראָשורע אין אידיש, אום צו געבען דעם אידישען לעזער אַ מעגליכקייט צו באַקענען זיך מיט דעם עיקר פון מאַרקסיזם, ווי ער ווערט פאָרמולירט פון איינעם, וואָס איז אַ גרויסער קענער פון מאַרקסיזם, אַ איינער פון די, ביי וועמען די וויסענשאַפט־ליכע וואַרהייט שטעהט העכער פון אַלץ.

ד. ש.

פ א ר װ א ר ט

אין מארטש, 1913, האט מיר דער בודאפעסטער „גאלילעי קלוב“ איינגעלאדען צו האלטען א וויסענשאפטליכען רעפעראט. די טעמא, האט מען מיר פארגעשלאגען, זאל זיין מיין קריטיק איבער׳ן מארקסיזם. איך האב דעם גאלילעי קלוב געגעבען דעם זעלבען ענטפער ווי דעם ברייסלער „אניווערזיטעט נאוועל“ איניגע יאהר פריהער, אויף זיינער אן ערהנליכע איינלאדונג, אז דעם מארקסיזם ערלויב איך זיך צו קריטיקירען נאר צווישען סאציאליסטען. איך בין אבער בערייט צו האלטען א פארטראג איבער דאס בלייבענדע אין מארקסיזם, וואס קיין קריטיק, בין איך איבערצייגט, קען ניט אפשפארען. דער גאלילעי קלוב איז אויף דעם איינגעגאנגען און אזוי איז באשאפען געווארען די אפהאנדלונג. מיין פארטראג איז דאמאלס סטענאגראפירט געווארען און מען איז געווען אזוי פריינדליך מיר איבערצושיקען די סטענאגראמע. איך האב גערעכענט דעם פארטראג צו פארעפענטליכען, אבער צו יענער צייט זיינען אין דייטשלאנד די שטרייטיגקייטען איבער׳ן מארקסיזם געקומען צו א געוויסען ענד, האב איך געהאלטען פאר ניט רעכט וויעדער אויפצוהייבען די דעבאטע איבער׳ן מארקסיזם. איצט, נאך דער מלחמה, ווען מען שאצט איבער די ווערטהען, געהט וויעדער אן א קאמפף צווישען די סאציאליסטען איבער׳ן מארקסיזם, האלט איך, אז די צייט איז געקומען צו פארעפענטליכען דעם רעפעראט, וואס איז אייגענטליך געווען באשטימט ארויסצוברענגען דאס, וואס איז דאס וויכטיגסטע פאר׳ן סאציאליזם און דער סאציאלער וויסענשאפט אין דעם מארקסיזם.

ווייל אבער איך האב צוגעגעבען דעם רעפעראט ניט קיין קריטישען נאר א פאזיטיווען כאראקטער, האט זיך דערנסטמאל פארשפרייט אין א טייל פון דער סאציאליסטישער פרעסע א מיינונג, אז איך האב צוריקגעצויגען מיין קריטיק איבער׳ן מארקסיזם.... דער וואס וועט איבערלייענען די וייטערדיגע אפהאנדלונג, וועט זעהן, אז וועגען דעם קען גאר קיין רייד ניט זיין. איך גיב איבער דעם רעפעראט אזוי ווי איך האב איהם געהאלטען (דער גרעסטער טייל צוהערער זיינען געווען סאציאליסטען). איך האב נאר ארויסגעלאזען די ספעציעלע ווענדונגען, וואס קומט אויס זיך צו באנוצען אין א רעפעראט.

1. איינלייטונג.

ווען מיר זאָלען פרעגען פארשיעדענע מענשען מיט א דורכשניטליכער בילדונג: וואס פארשטעהט יעדער איינער פון זיי אונטער'ן מארקסיזם? און אויב זיי זאָלען זיך פריהער ניט צוזאמענריידען, קענען מיר זיין זיכער, אז מיר וועלען באקומען גאנץ פארשיעדענע ענטפערס. איינער וועט מסתמא ענטפערען, אז דער מארקסיזם איז א סאָציאַליסטישע טעאָריע פון פאלקסווירטשאפט, אן אנדערער וועט ערקלערען, אז דער מארקסיזם איז די דאגמע פון סאָציאל־רעוואלוציאָנערער אונקאמפּראמיסליכקייט. נאָך איינער וועט זאגען, אז דער מארקסיזם איז א טעאָריע וועגען דער קאפּיטאַליסטישער עקספּלואטאציע פון די ארבייטער; א פערטער, אז דאָס איז א טעאָריע פון קלאסענקאמפף, א פינפטער וועט דערקלערען, אז דער מארקסיזם איז א לעהרע וועגען די געזעצען פון געזעלשאפטליכער ענטוויקלונג, און א זעקסטער וועט גאָר עפּעס אנדערש אָנגעבען. כמעט אין יעדען לעהר־בוך איבער סאָציאלער וויסענשאפט ווערט דער באַגריעף פון מארקסיזם אנדערש אויסגעטייטשט. און זאָל דא אויך דערמאָנט ווערען דער מעהרישער לעקסיקאָן, וואס באדארף אויספילען אונזער וויסען. ער ערליידיגט זעהר קורץ מיט דעם מארקסיזם און שרייבט: דער מארקסיזם איז די ל ע ה ר ע פון סאָציאַליסטישען קאַרל מאַרקס. אין גרונד גענומען איז עס דורכאויס ריכטיג.

מען מוז צוגעבען, אז די מעהרסטע וויסענשאפטליכע אויסטייטשונגען פון דעם מארקסיזם זיינען גאנץ גוט צוגעפּאסט צו געוויסע זייטען זיינע. דער אומגליק איז נאָר, וואס זיי נעהמען איהם ניט אלזייטיג ארום, און דאס איז צוליעב א גאנץ פארשטענדליכער אורזאַך.

דער וויסענשאפטליכער שאפען און ווירקען פון קאַרל מארקס, ווי א מיטקעמפּפער פון ארבייטער קלאס, איז געווען צו אלזייטיג, אז מען זאָל עס קענען ברענגען צו איין פארמולע. זיין גייסטיגער שאפען האָט מעהר באדייט ווי נאָר א בלויזע פילאָזאָפיש סאציאַלע שטעלונג פון א פארטיי. ניט די אנהענגערשאפט פון עקאָנאָמישען מאטעריאליזם און ניט דער סאָציאל רעוואלוציאָנערער דענקען גיבען נאָך ניט דאָס רעכט אויפ'ן נאָמען מארקסיסט, ווי קאַרל מארקס האָט עס פארשטאַנען. מיר ווייסען דאָך, אז אויף אזא מין אנגעהעריגקייט פון איינעם א סאָציאַליסט, וואס איז אפילו געשטאנען זעהר נאָהענט צו מארקס'ען, האָט איהם מארקס מיט'ן גאנצען ערנסט געזאגט: „וויבאלד אזוי, בין איך אליין קיין מארקסיסט ניט“.

אַט דער ווילדטיגער אויסדרוק דאַרף אונז דינען פֿאַר אַ וואָרנונג נישט צו נעהמען אויבערפֿלעכליך דעם באַגריף מאַרקסיזם. ווער עס איז פיעל ווייניג באַקאַנט מיט'ן היינטיגען צושטאַנד פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ווייס, אַז ביי דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און נאָך מעהר, ביי איהרע געגנער, ווערט פֿאַרשטאַנען אונטער'ן מאַרקסיזם, די פּאָליטיק פֿון דער שטייפער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער אונקאָמפּראָמיסליכקייט. עס וואָלט זיכער נישט שווער געווען צו געפֿינען אויסציגע ביי מאַרקס'ען, וואָס ריידען אין דעמזעלבען זינן און אויך געפֿינען ביישפּיעלען וואו מאַרקס האָט גענומען אַ פּאָליטישע שטעלונג לויט אַזאַ וועלט־אַנשויאונג. אָבער געגען די אויסציגע און ביישפּיעלען קענען מיר ברענגען אַנדערע פֿאַקטען פֿון מאַרקס'ען, וואו מאַרקס האָט זיך געהאַלטען אָן אַ עוואָלוציאָנערער קאָמפּראָמיסליכער פּאָליטיק. דאָס אייגענע זעהן מיר אויך אין פֿאַרשיעדענע לענדער ביי סאָציאַליסטען, וואָס רופֿען זיך מאַרקסיסטען אַ גאַנץ פֿערשיעדענאַרטיגע באַציהונג צו פּאָליטיק און פּאָליטישע טאַקטיק.

אונטער די מאַרקסיסטען אין רוסלאַנד זיינען פֿאַראַן, ווי באַוואוסט, צוויי ריכטונגען: איינע, די אַזוי גערופֿענע באָלשעוויקעס, און די אַנדערע, די מענשעוויסטישע פּאַרטיי, די אַנהענגער פֿון פּלעכאַנאָוו, אַקסעלראָד, מאַרטאָוו א. ז. וו. אין דייטשלאַנד האָבען מיר אויך אונטער די וואָס רופֿען זיך מאַרקסיסטען, גאַנץ היבשע קאָנטראַסטען; איך וועל נאָר אָנווייזען אויף דעם פֿאַרשיעדענעם פּאָליטישען קוק פֿון קאַרל קאַוטסקי און ראָזאַ לוקסעמבורג. מען קען אָהן קיין שום ריזיקע אַרויסשטעלען אַ פּרייז פֿאַר די פֿאַרשיעדענע פּאָליטישע ריכטונגען ביי די סאָציאַליסטען צו ענטפֿערען אויף דער פֿראַגע, וועלכע איז פֿון זיי דער אמת'ער מאַרקסיזם — קיינער וועט דעם פּרייז נישט געווינען. און צוליעב דעם איינציגען פּשוט'ען טעם, וואָס איבערהויפּט קען די פֿראַגע נישט פֿאַרענטפֿערט ווערען אויב זי ווערט אַזוי געשטעלט. וואָרים ווי קען עס פֿאַראויס באַשטימט ווערען אַ פּאָליטיק, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט פֿאַר אַלע צייטען און פֿאַר אַלע באַדינגונגען? אין די אַלע ווערק פֿון קאַרל מאַרקס און זיין מיטאַרבייטער פֿריעדריך ענגעלס איז אַזוינס אין ערגעץ נישט דערמאָנט אַפילו. זאָגאַר אין קאָמוניסטישען מאַניפֿעסט, וואָס איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרען ערב דער רעוואָלוציע פֿון 1848, ווען מאַרקס און ענגעלס האָבען זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע ענטוויקלונג וועט פֿאַרקומען אַ סך שנעלער, ווי עס האָט אין דער אמת'ן פּאַסירט, און האָבען מחמת דעם אויך די פּאָליטישע פּראָבלעמען געמוזט זיך פֿאַרשטעלען פיעל איינפֿאַכער, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזען, אַפילו אין דעם זעלבען קאָמוניסטישען מאַניפֿעסט האָבען זיי

ניט פאַרגעסען צו אונטערשטרייכען, אז די מעטאָדען פון די קאָמוניסטען אין דער צייט פון א רעוואָלוציע, מוזען אין די פאַרשיעדענע לענדער זיין פאַרשיעדען. און וואס קען עס אַנ־דערש מיינען, אויב ניט, אז די רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק זאָל זיין פאַרשיעדען לויט דער פאַרשיעדענאַרטיגקייט פון דעם עקאָ־נאָמישען און פּאָליטישען צושטאַנד פון די לענדער? און דאס מיינט שוין אויך, אז אפילו אין איין לאַנד גופא, מוז זיך די רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק ענדערען צוזאַמען מיט דער עקאָנאָ־מישער און פּאָליטישער ענטוויקלונג. דאריבער איז מיין מיינונג, אז עס איז דורכאויס פאלש און שעדליך, דאָגמאַטיש צונויפצו־בינדען דעם מאַרקסיזם מיט פּאָליטישע מיטלען אין שייכות צו צייטווייליגע געשעהעניסען.

מיט די מעטהאָדען אָדער מיטלען פון פּאָליטיק האָט דער מאַרקסיזם פּונקט אויף אזוי פיעל צו טהאָן, ווי די פיזאָלאָגיע האָט צו טהאָן מיט דער געשיקטקייט פון א דאָקטאָר אָדער זיינע מעטהאָדען. דער מאַרקסיזם גיט נאָר די מעגליכקייט דעם פּראַ־קטישען פּאָליטיקער צו באַגרייפען די לעבענס־געזעצען פון געזעלשאַפטליכען אָרגאַניזם; ער זאָל קענען דערזעהן, וואו איז דער מקור פון שלעכטס, און זאָל קענען אבשאַצען די ווירקונג פון א געוויסען געזעץ. דער מאַרקסיזם גיט איהם אָבער ניט קיין איין־מאָל־פאַר־אַלע־מאָל באַשטימטע פּאַרטיי טאַקטיק. דאַ־ריבער פּאָלגען מיר די אָנווייזונג פון דעם קלוגען מעהערשען לעקסיקאָן און מיר נעהמען אָן פאַר'ן מאַרקסיזם די גאַנצע לעהרע פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס.

ווייטער וועל איך באַטראַכטען דעם מאַרקסיזם פון דריי שטאַנדפונקטען: ערשטענס, ווי א פילאָסאָפיע פון דער גע־שיכטע, אָדער ווי די לעהרע וועגען די ענטוויקלונגס געזעצען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט בכלל; צווייטענס, ווי א לעהרע וועגען די יסודות, ענטוויקלונגס געזעצען און טענדענצען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג; און דריטענס, ווי די לעהרע פון קלאַסענקאַמפּף פאַר'ן אַרבייטער, ווי אומצו־ענדערען די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט.

2. די מאַרקסיסטישע פילאָסאָפיע פון דער געשיכטע.

דער מאַרקסיזם איז א געשיכטליכע אויפפאַסונג, וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבען אויסגעאַרבייט און אָנגערופען די מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונג פון געשיכטע, מען רופט זי אויך אָן היסטאָרישער מאַטעריאַליזם און נאָך מיט אַנדערע נע־מען מיט וועלכע מען קען אויסדריקען דעם אריינגעלעגטען געדאַנק. אָט די אויפפאַסונג פון געשיכטע זעהט אין דער נאַטור און אין דער פּראָדוקציע פון מאַטעריעלע אוצרות, וואָס

זיינען נויטיג פאַר'ן געזעלשאַפטליכען קיום, דעם הויפּט באַשטימענדען פאַקטאָר פאַר דער מענשליכער געזעלשאַפט, פאַר איהר פּאָליטישען בוי, איהרע ציווילע און פּאָליטישע רעכט, מאָראַלע בעגריפען און רעליגיעזער אידעאָלאָגיע. נאָך דער מאַרקסיסטישער טעאָריע איז די פּראָדוקציע גופא אָפּהענגיג פון די פּראָדוקציע־מיטלען און גאַנץ שטאַרק פון די ווערקצייג. אין די ווערקצייג, מיט וועלכע דער מענש באַדיענט זיך, דאַרפען מיר אייגענטליך זוכען דעם הויפּט פאַקטאָר פון סאָציאַלער ענטוויקלונג. לויט אַזאַ ערקלעהרונג קוקט אויס דער געדאַנק עטוואָס רויה און האָט ארויסגערופען געגען זיך אַ סך איינווענדונגען, קשיות. מען קען אויך ניט באַשטרייטען, אַז צופעליג האָבען מאַרקס און ענגעלס און נאָך מעהרער אייניגע פון זייערע תלמידים — איך קען אפילו זאָגען, אַז אַלע, און יעדענפאַלס קען איך זיך ניט ארויסנעהמען, איבערטריבען דעם באַשטימענדען כח פון דער פּראָדוקציע און פון די פּראָדוקציע־מיטלען אין סאָציאַלען לעבען. מיר האָבען דעם געדאַנק צוגעגעבען אַן אבסאָלוטען כאַראַקטער, אַלענפאַלס האָבען מיר בעטראַכט די פּראָדוקציע פאַר אַ גאָר זעלבסטווירקענדען פאַקטאָר, ווען אין דער אמת'ן ווירקט די רעכטליכע לאַגע, די זיטען, די אידעאָלאָגיע א. ז. וו. אויך אויף דער פּראָדוקציע. עס הענגט נאָך אפילו אָפּ פון דער אַלגעמיינער קולטורעלער מדרגה, און אַז דער קלימאַט און די אַנדערע נאַטור בעדינגונגען האָבען זייער באַשטימטען איינפלוס אויף דער פּראָדוקציע, איז זעלבסטפערשטענדליך. אָבער, אויסער די געוויסע נאַטור־בעדינגונגען, איז די טעכנישע ענטוויקלונג פון דער ענטשיידענסטער בעדייטונג פאַר דער סאָציאַלער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט. פון דער פאָלקאָמענהייט און דיענסט־פעהיגקייט פון די ווערקצייג הענגט אָפּ די הערשאַפט פון דער מענשהייט איבער דער נאַטור. דער ערשטער מענש כל זמן ער האָט נאָך זיין איצטיגע האַנט ניט געהאַט איז געווען א סך א קלענערער תקיף אין קאַמף מיט דער נאַטור ווי פאַרשידענע אַנדערע חיות. די האַנד האָט איהם געגעבען די ערשטע מעגליכקייט צו באַהערשען און איבעראַנדערשען די נאַטור, וואָס אַן אַנדער חיה האָט ניט געקענט. דאָס באַנוצען די האַנט האָט זיך ווידער פאַרפאָלקאָמט דורך דער אויסאַרבייטונג פון געצייג, און מיט דער ענטוויקלונג פון ווערקצייג און זייער אויסבעסערונג, האָט זיך אויסגעברייטעט די הערשאַפט פון דעם מענשען איבער דער נאַטור. דער רעזולטאַט איז, אַז דער מענש בעאָבאַכטעט בעסער די נאַטור, קען בעסער די נאַטור־געזעצען און פאַרשטעהט זיי בעסער.

די ווערקצייג באַשטימען אָבער די מעטהאָדען פון דער אַרבייט. און זיי ענדערען זיך צוזאַמען מיט די אויסבעסערונגען

אין די פראָדוקציע-מיטלען. די ווערקצייג באַשטימען אויך דעם ארבייטס אופן פון דעם מענשען גופא, וואָס נעהמט מיט דער צייט אָן א קאָלעקטיווען כאַראַקטער. דאָס וואָס דער מענש באהערשט די נאַטור מיט דער הילף פון ווערקצייג האָט געגעבען אַ מעגליכקייט צו וואָהנען מעהרער מענשען אויף דעם זעלבען שטח ווי פריהער, און אונדירעקט האָט עס געווירקט אויף דער אָרגאַניזאַציע און דעם צונויפשטעל פון דער געזעלשאַפט, אויף דער דיכטקייט פון דער באַפעלקערונג, און מחמת מעהר מענשען האָבען זיך אינטימער איינגעלעבט, איז געוואָרען מעהר ארבייט, מעהר אויסטויש, האָט עס געווירקט אויפ'ן רעכטליכען צושטאַנד, אויף די זיטען און אויף דער קולטור בכלל.

קוקען מיר אָבער צוריק אויף דער אַלגעמיינער ענטוויקלונג, זעהען מיר, וואו די נאַטור האָט באַזאָרגט דעם מענשען מיט נאַהרונגס-מיטלען פאר זיין עקזיסטענץ, האָט ער איבערהויפט ניט ענטוויקעלט קיין קולטור. אָבער וואו ער האָט זיך באזעצט אין די מעסיגע קלימאַטען, האָט ער מיט דער הילף פון ווערקצייג געקענט ארויסקריגען מעהרער ווי ערגעץ אנדערשוואו. די פארבעסערונג אין די ווערקצייג האָט דאַן געבראַכט א פערמעהרונג אין פראָדוקטען פון ערשטער נויטווענדיגקייט, און אין אַלערליי לוקסוס זאַכען. און ווען מיר זעהען ווי די מעטהאָדען פון מענשליכער ארבייט ענטוויקלען זיך אַלץ מעהר, און פון דעם קומען ארויס און ענטוויקלען זיך נייע געזעלשאַפטליכע קלאַסען, ווען מיר זעהען, ווי עס ווערט ארויסגערופען אן אינערליכער קאַמף אין דער געזעלשאַפט גופא, אַנערקענען מיר, אַז דער יסוד פון דעם גרויסען פּאָליטישען קאַמפף, וואָס פיהרט צו דער אומענדערונג פון דער געזעלשאַפט, צו אַ העכערע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, איז דאָס עקאָנאָמישע לעבען, און דער אופן ווי מיר ארבייטען און פּראָדוצירען אונזערע לעבענס-מיטעל. אָט דער באַגריעף און זיין באַגרינדונג, דאָס איז די געשיכטליכע און סאָציאַלע פילאָסאָפיע פון מאַרקסיזם. פּונקט ווי דער דאַרוויניזם איז דער קערן פאר דער ביאָלאָגישער לעהרע פון ענטוויקלונג — די ענטוויקלונגס לעהרע פון באַשעפענישען, אַזוי איז אויך דער מאַרקסיזם דער גרונד-געדאַנק פון דער מאַטעריאַליסטיש בעגרינדעטער סאָציאָלאָגישער ענטוויקלונגס-טהעאָריע — אַ לעהרע וועגען דער ענטוויקלונג פון דער מענשליכער געזעלשאַפט. און פּונקט ווי דער דאַרוויניזם האָט מיט דער צייט אָנגענומען אַלערליי פארשידענע זיך ווייט פאַרנאַנדערגעהענדע ריכטונגען, אָבער דאָך פאַרבליבען דער זעלבער אין זיין גרונד-געדאַנק, אין זיין בליק אויף דער ביאָלאָגישער ענטוויקלונג, אַזוי איז אויך דער מאַרקסיזם פאַרבליבען דער זעלבער אין זיין וועלט אנשויאונג — אין זיין מאַטעריאַ-

ליסטישער אויפפאסונג פון געשיכטע. אין איינצעלנע פאלען האָט מען אָנגעוויזען, אז דער מארקסיזם אונטערשעצט דאָ און דאָרט די רעכטליכע לאגע אלס סאָציאלע קראפט, אז אין די שריפטען פון מארקסיסטען ווערט ניט גענוג באטאָנט דער איינפלוס פון דער אידעאָלאָגיע, און אפילו פון דער נאטור און קלימאט. אז איינצעלנע פונקטען זיינען אין די מארקסיסטישע שריפטען פאלש אָדער איבערטריבען, האָט מען שוין באוויזען. אָבער דער גרונד־געדאנק פון דער מארקסיסטישער טהעאָריע בלייבט דאָך פעסט. ער האָט אונז בעוואפענט מיט'ן טיעפסטען אנאליז פון די הויפט יסודות פון מענשליכען קאמפף, האָט אונז ערשט געמאכט צו פארשטעהן פיעלע גרויסע באוועגונגען פון דער געשיכטע און אונז פיעל פערלייכטערט צו באגרייפען די אור־אלטע געשיכטע פון דער מענשהייט.

אגב, אַ קורצע באמערקונג. מען האָט די מארקסיסטישע געשיכטליכע פילאָסאָפיע שטענדיג געשטעלט אין פארבינדונג מיט העגעל'ס פילאָסאָפיע. איך וויל אין דעם צופיעל ניט אריינגעהן. אָבער אזוי פיעל וויל איך זאָגען, אז מארקס באציהט זיך זעהר פיעל אויף העגעל'ען, אָבער צי האָט טאָקע באמת די העגעל'שע פילאָסאָפיע, די העגעל'שע דיאלעקטיק מיט איהר לאָגיק פון קאָנטראַסטען געהאט דעם זעהר גרויסען איינפלוס אויף דער ענטוויקלונג פון דער מארקסיסטישער טהעאָריע, ווי פיעלע מיינען, דאָס איז, זעהט איהר, שוין אַ גרויסע פראגע. פארשידענע געגענזעצליכע מיינונגען זיינען געווען וועגען דעם צווישען סאָציאליסטען וואָס האלטען זיך פאר מארקסיסטען. איך אליין האָב שוין אמאָל ערקלעהרט, אז העגעל'ס פילאָסאָפיע האָט ניט געהאט דעם איינפלוס אויפ'ן מארקסיזם, וואָס מען האָט אָנגעגעבען. און איך זעה טאָקע איצט אין מארקס אַ בריעף צו ענגעלס'ען פון 1858, וואו ער שרייבט וועגען זיין ווערק „צו דער קריטיק פון פאָליטישער עקאָנאָמיע“, אזאַ ערקלעהרונג: „אין דער מעטהאָדע פון בעארבייטען דאָס ווערק איז מיר זעהר צוניץ געקומען, וואָס איך האָב צופעליג איבעראנייעם דורכגעבלעטערט העגעלס לאָגיק“. „אין דער מעטהאָדע פון בעארבייטען“. דאָס מיינט, אז העגעלס לאָגיק האָט מארקס'ען געהאָלפען נאָר ארויסברענגען זיין לעהרע, עס האָט אָבער ווייניג צו טהאָן מיט דער טעאָריע גופא און מיט איהרע גרונד געדאנקען. און אין דער אמת'ן, ווען העגעל ברענגט ארויס זיין ענטוויקלונגס געדאנק דיאלעקטיש נאָר פון קאָפּ, נאָר פון אבסטראקטע באגריפען, נעהמט מארקס זיין ענטוויקלונגס טעאָריע פון דער ווירקליכקייט, פון זאכען און פון די רעאלע פארהעלטנישען.

נאָך אַ זאַך דאַרף דאָ דערמאָנט ווערען, מען באשטרייט די אָריגינאַליטעט פון דער מארקסיסטישער לעהרע. דאָס איז

שוין אין אַלגעמיין באַוואוסטע זאַך, אַז צוערשט באַשטרייט מען די ריכטיגקייט פֿון אַ נייער אויפֿקומענדער טעאָריע, און דאַן באַשטרייט מען איהר אָריגינאַליטעט. פּראַקטיש קען מען טאַקע געפֿינען אין אַ סך פֿריהערדיגע ווערק די גרונד געדאַנקען פֿון דער מאַטעריאַליסטישער אויפֿפֿאַסונג פֿון געשיכטע, וואָס מאַרקס האָט ענטוויקעלט אין זיין טעאָריע. שוין ביים סוף פֿון 14טען יאָהר־הונדערט און אָנהויב 15טען, האָט איינער אַ מאַכמעדאַנישער שרייבער געשיכטע איבען קאַלדון, וואָס האָט געלעבט אין טוניס, אָנגעשריבען אויף אַ מערקווירדיגען אופֿן אַן איינלייטונג צו אַ געשיכטליכען ווערק, וואָס האָט געזאָלט באַשטעהן פֿון פֿיעלע בענדער. דער זעלבער ווייזט אָן אויף די פּראָדוקציע מיטלען ווי אויף דעם וויכטיגסטען פֿאַקטאָר פֿון דער געזעלשאַפֿטליכער ענטוויקלונג. אויך אַנדערע געשיכטע־פֿאָרשער אין דער צייט פֿון די ענציקלאָפּעדיסטען אין פֿראַנקרייך און שפּעטער אויך אין ענגלאַנד, האָבען אַרויסגעזאָגט ענהליכע געדאַנקען. איבעראַל קען מען געפֿינען עלעמענטען פֿון דער טעאָריע. אָבער וואָס האָט עס פֿאַר אַ בעדייטונג? געוויס, וואָלט שלעכט געווען ווען דער פּראָגרעס פֿון דער מענשהייט זאָל זיין אָפּהענגיג אָן דעם געבורט פֿון אַזאַ און אַזאַ מענשען. די אויספֿאָרשונג פֿון קולטור־עלעמענטען אין דער געשיכטליכער וויסענשאַפֿט איז צו ריעזיג און צופֿיעל און מענשען נעהמען אין דעם אַ אַנטייל, אַז דער גאַנצער פֿאָרטשריט זאָל אָפּהענגען נאָר פֿון אַן איינצעלנעם. דער וואוקס פֿון דער געזעלשאַפֿטליכער וויסענשאַפֿט געהט זיך מיט זיין גאַנג, איין מדרגה פֿון דער וויסענשאַפֿט שטאַמט פֿון דער ערשטער. און אַזוי קייטעלט עס זיך ווייטער און ווייטער. די עלעמענטען פֿאַר דער מאַרקסיסטישער לעהרע זיינען געווען נאָך פֿאַר מאַרקס'ען און מאַרקס ריעזיגע אַרבייט איז געווען אָט די אַלע געדאַנקען צונויפֿנעהמען אין אַ גאַנצער איינהייטליכער טעאָריע. נאָר אין אַזאַ אַרבייט באַשטעהט די געשיכטליכע פֿאַרדיענסטען פֿון גרויסע גייסטער, וואָס טרעטען דורך אַ נייעם וועג.

3. די מאַרקסיסטישע טעאָריע וועגען קאַפּיטאַל. אַרבייטסווערטה און מעהרווערטה.

איצט קומען מיר צום צווייטען פּונקט פֿון אונזער אַרטיקעל: צום דעם מאַרקסיסטישען אַנאַליז פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע און צו די געגענזעצליכע טענדענצען פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. אָט דער פּונקט איז דער פּאָפּולערסטער און איהם האָט מען טאַקע אַם מעהרסטען אָנגעגריפֿען. דעריבער וועלען מיר קורץ בעטראַכטען די יסודות פֿון דעם טייל מאַרקסיזם.

ראַשית, האָבען מיר דאָ קאַרל מאַרקס׳ם ווערטה און מעהרווערטה טעאָריעס. זיי ביידע האָבען שוין ארויסגערופען א גאַנצע ליטעראַטור. ספּעציעל איז צום מעהרסטען בעקעמפט געוואָרען די מאַרקסיסטישע ווערטהטעאָריע, וואָס לערנט, אַז דער ווערטה פון א פּראָדוקט מעסט זיך מיט דער נויטיגער מאָס געזעלשאַפטליכער ארבייט, וואָס געדויערט אויסארבייטען א פּראָדוקט. אָט די טעאָריע איז בעקעמפט געוואָרען ווי א פאַלשע, ווייל זי שענקט ניט גענוג אויפמערקזאמקייט דעם געברויכט ווערטה, און בעזונדערס צוליעב דעם, וואָס אין יענעם זאטץ, וואו עס ווערט גערעדט וועגען דער ווערטה טעאָריע, ווערט וועגען געברויכס ווערטה גאָרניט דערמאָנט, און אין אמת׳ן, איז עס איינע פון די וויכטיגע בעדינגונגען אין דעם ווערטה פון א פּראָדוקט. ווייטער האָט מען דער טעאָריע פאַרגעוואָרפען, אַז זי רעכענט זיך ניט גענוג מיט דעם סאָציאַלען בעדאַרפסווערטה. ווען עס איז ניטאָ קיין פאָדערונג אויף א געוויסען פּראָדוקט, מעג אין איהם שטעקען נאָך מעהר געזעלשאַפטליכע ארבייט און וועט דאָך קיין ווערטה ניט האָבען. דאָס, פאַרשטעהט זיך, האָט אָבער מאַרקס אויך געוואוסט, און ער האָט עס אויך ארויסגעזאָגט. ער אַליין האָט פעסטגעשטעלט, אַז די פאָדערונג אויף א פּראָדוקט, איז די פאַרבעדינגונג פאַר זיין ווערטה, און אַזאַ פאַרבעדינגונג מוז זיין אויב דער פּראָדוקט זאָל האָבען א ווערטה. האָט מען געפרעגט, אויב עס איז יע אזוי, צו לייקענט אָט די בעדאַרפס־טעאָריע טיילוויז ניט אָפּ די טעאָריע פון ווערטה? איז דען די בעדאַרפס־טעאָריע ניט דער ענטשיידענער פאַקטאָר? קורץ און גוט, די טעאָריע איז זעהר שטאַרק בעקעמפט געוואָרען און נאָך מיין מיינונג, צום גרעסטען טייל דערפאַר, ווייל זי רופט זיך ניט מיט׳ן ריכטיגען נאָמען. דאָס וואָס מיר רופען אַן אין ווירטשאַפטליכען לעבען מיט אַזאַ איינפאַכען נאָמען: דער ווערט, איז אין דער אמת׳ן ניט אַן איינפאכע זאַך, נאָר א זאַך פון קאָמפּליצירטע מעגליכקייטען. זאָל א געוויסע סחורה זיין פערקויפבאר, מוז זי מיט זיך פאָרשטעלען אַ ר ב י י ט. מיר אַלע ווייסען, אַז וואָס עס קאָסט ניט צו פּראָדוצירען האָט ניט קיין קויף־ווערטה. זאָל א סחורה זיין פערקויפבאר מוז עס אָבער אויך מיט זיך פאָרשטעלן א געברויכס־ווערטה, סאַי א געברויכס־ווערטה ווי א ניצליכער אַרטיקעל, אָדער ווי אַ ווערטה פאַר אַ ליעבהאָבער, אָבער א געברויכס־ווערטה מוז אין דער סחורה זיין. דאָס מיינט, אַז איהר ווערטה בעשטימט זיך דורך דער סחורה גופא און דורך דער נאכפראַגע אויף איהר.

אין דעם ווערטה פון א פּראָדוקט זיינען דעריבער פאַראַן אָט די צוויי בעדינגונגען און שטעלען מיט זיך פאָר א געמיינזאמען בעגריף, און מיט דעם האָט מאַרקס, נאָך מיין מיינונג, ניט גענוג זיך גערעכענט אין זיין ווערטה־טעאָריע. מען קען

אבער ניט בעשטרייטען אז צולעצט איז עס פארט די ארבייט, און טאקע די געזעלשאפטליך־נויטווענדיגע ארבייט. די ארבייטס־ווערטה — אויב מען וויל זיך בענוצען מיט אט דעם געגויערען אויסדרוק—דער וויכטיגסטער פאקטאר וואס בעשטימט און רעגולירט דעם ווערטה פון א פראדוקט.

חוץ דעם, איז מיין מיינונג, אז מען האט בכלל איבערשעצט די בעדייטונג פון דער טעאריע פון ארבייטס־ווערטה פאר'ן מארקסיזם. מארקס האט נאר געוואלט זעהר קלאר ארויסברייגען די ארבייטס־ווערטה טעאריע און זי אנווענדען אין איהר שארפסטען אויסדרוק צו דער געלד־טעאריע. אין זיין אנאליז האט עס איהם טאקע זעהר א סך געהאלפען. אבער אין דער ווירקליכקייט איז די טעאריע פון ארבייטס־ווערטה נאר א גרויסער אויפקלעהרענדער מיטעל, אבער ניט קיין מיטעל פאר א בעוויז, דאס האט מען פערזעהן, און מען האט דער ווערטה־טעאריע צוגעגעבען א גרעסערע בעדייטונג, ווי זי האט אין דער אמת'ן.

דאגעגען איז מארקס'עס טעאריע פון מעהר־ווערטה די בעדייטענדסטע פון זיין גאנצען סיסטעם. עס איז א פאקט, אז אין דער היינטיגער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט שאפט דער לוינארבייטער אין דער פראדוקציע א מעהרווערטה איבער דעם ווערטה פון זיינע שכירות, און אז דער געשאפענער מעהרווערטה טיילט זיך בעת ער צירקולירט אין דער פאלקס־ווירטשאפט, אויף פראפיטען פאר'ן אונטערנעהמער, אויף פראצענטען פאר די באנקירען און אויף רענט פאר די לענדלארדס, אזוי אז אין דעם פרייז, וואס מיר צאהלען פאר א שטיקעל סחורה, צאהלען מיר א חוץ די ארבייטס־לוין אויך נאך א טייל פראצענטען, א טייל פראפיטען און א טייל רענט. דאס אלץ לאזט זיך קלאהר און פשוט בעווייזען אהן קיין שום טעאריע. ווען מיר זאלען אפילו וועלען טעארעטיש בעקעמפפען דעם פאקט, אז דער ארבייטער־קלאס בעשאפט א מעהר־ווערטה, קענען מיר עס פאקטיש ניט, ווייל די סטאטיסטיק ווייזט עס קלאהר אויף. אויב עס וואלט אנדערש געוועזען, טא פון וואנען נעהמט זיך עס דער איינקונפט פון די בעזיצענדע קלאסען, וואס ארבייטען ניט?

אין מיטעלאלטער און א צייט שפעטער, האבען די בעזיצענדע קלאסען בכלל זיך געשעהמט מיט ארבייט. עס איז געווען א בעליידיגונג איינעם צו זאגען, אז זיין הכנסה שטאמט פון זיין ארבייט. די רייכע און פעאדאלע קלאסען, וואלטען אפגעדאנקט פאר'ן כבוד, מען זאל זיי בעטראכטען פאר ארבייטער. ערשט אין דער בורזשואזער געזעלשאפט, אין דער היינטיגער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, האט געמוזט דער איינקונפט בערעכטיגט ווערען ניט נאר עקאנאמיש נאר אויף

מאראליש, און דעריבער ווילען עס אזוי די באזיצענדע קלאסען, כמעט אלע, גילטען פאר ארבייטער. דארטען וואו די רייכע זיינען טעטיג ווי אונטערנעהמער, אדער פיהרער, קען מען זיי זיכער דעם ווארט ארבייט צוגעבען, און בעשטימען פאסענדע שכירות פאר זייער ארבייט, אבער ווען מען זאל אפילו זייער ארבייט אפשאצען אויפ'ן אנשטענדיגסטען אופן, וועט נאך אלץ בלייבען א שטיק הכנסה אין דעם איינקונפט פון דעם אונטער־נעהמער־באזיצער, וואס איז מעהרווערטה, און טאקע בלויז פאר זייער בעזיץ פון דער אונטערנעהמונג. יעדע סטאטיסטיק בע־ווייזט עס, דאס לעבען גופא בעווייזט עס. די טעאריע קען עס נאך קלאהרער מאכען, ווייל בעווייזען איז עס שוין.

וואס איז שייך אבער דער טעאריע פון מעהרווערטה, האט קארל מארקס זעהר גוט באוויזען, ווי אין דעם קאמפף פאר מעהרווערטה זיינען די אונטערנעהמער געצוואונגען צוליעב קאנקורענץ, וואס דריקט ארונטער דעם פרייז פון פראדוקט, און צוליעב דעם קאמף פון דעם ארבייטער פאר העכערע שכירות און פערקלענערטער עקספלואטאציע, צו פערגרעסערען די אונטער־נעהמונגען, צו פערפאלקאמען די פראדוקציע־מיטלען און מאשינען און אויף אזא אופן שוין במילא צו ענדערען דעם גאנצען פונדאמענט פון דעםווירטשאפטליכען לעבען. און אזוי ווי דער קאפיטאליסט אין קאמף פאר מעהרווערטה איז געצוואונגען צו קאנצענטרירען שטענדיג גרעסערע מאסען ארביי־טער אויף זיין אונטערנעהמונג, שטויסט ער ארויס פון מארק די קליין פראדוקציע און פערקלענערט איהר אין צאהל און אויב ער פעקלענערט זי ניט אפילו, ווערט דאך איהר וואוקס פער־קלענערט אין פערגלייך מיט דער אלגעמיינער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאפט. אלץ, וואס מארקס ענטוויקעלט אין דער מעהרווערטה טעאריע, באווייזט ער, אז עס מוז אזוי זיין. אלץ וואס ער האט פעסטגעשטעלט אין דער טעאריע, ווערט פאקטיש באשטעטיגט און קען פון קיין אנדער טעאריע בשום אופן ניט אפגעלייקענט ווערען. דאס גילט אויך פאר מארקס' טעאריע וועגען קאנצענטראציע, די לעהרע וועגען דער אלץ גרעסערער קאנצענטראציע פון די קאפיטאליסטישע אונטערנעהמונגען, וואס שטאמט אויך אפ פון דער מעהרווערטה טעאריע, דאס מיינט, אז צוליעב דעם קאמפף פאר מעהר־ווערטה ווערט דער גרעסטער טייל פון דער פראדוקציע אלץ מעהר קאנצענטרירט אין איינצעלנע אונטערנעהמונגען.

איך מוז צוגעבען, אז עס לאזט זיך ניט אזוי בקיצור ארויסברענגען די גאנצע מארקסיסטישע טעאריע. אבער אויף דאס וויכטיגסטע מוז איך אנווייזען. וויכטיג פאר'ן מארקסיזם איז, וואס מארקס האט איינגעטיילט דעם אונטערנעהמונגס־קאפיטאל: אין דעם אזוי גערופענעם ק א נ ס ט א נ ט ע ן

קאַפּיטאַל (שטענדיגען קאַפּיטאַל), דאָס הייסט, דער קאַפּיטאַל וואָס ליעגט אין די מאַשינען, ווערקצייג, פאַך אויסגאַבען, און פאַר־מיטלען. אָט די אַלע קאָסטען ווערען צוריק אריינגעבראַכט דעם אונטערנעהמער מיט דעם פּרייז און צירקולאַציע פון דער סחורה, און אין לוין־קאַפּיטאַל, דער קאַפּיטאַל וואָס ווערט אויסגעגעבען אויף ארבייטער שכירות, און וואָס מאַרקס רופט אָן דער וואַריאַבלער קאַפּיטאַל (זיך בייטענדער קאַפּיטאַל), ווייל ער קומט ניט אריין אונפאַרענדערט מיט'ן פּרייז און מיט דער צירקולאַציע פון דער סחורה. אָט דער קאַפּיטאַל קומט צוריק אריין א העכערער, ווייל עס איז פאַרגרעסערט געוואָרען דורך דעם מערהווערטה, וואָס די ארבייטער האָבען פּראָדוצירט. דאָס ווייזט זיך אַרויס איבעראַל אין דער אינדוסטריע, אין האַנדעל און פאַרקעהר; מיר זעהן דאָס היינט פּאַקטיש אין די גרויסע וואַרען־הייזער און אין די גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען, וואָס באַהערשען די פּראָדוקציע אין אַלע מאָדערנע לענדער; מיר זעהן, ווי די גרויסע אונטערנעהמונגען פאַרטיליגען אָדער זיי פאַרקנעכטען זיי אויף אַזוי פיעל, אַז זיי מוזען זיך נאָכשלעפּען אין זייערע טריט. אויב מען האָט עס נאָך געקענט באַשטרייטען אין מאַרקס' צייטען, קען שוין אָבער איצט וועגען דעם קיין רייד ניט זיין. אָט דעם אמת קען מען שוין איצט ממש אָנטאַפּען מיט די הענד.

נאָר אין דער לאַנדווירטשאַפט איז די לאַגע אַנדערש. אין דער לאַנדווירטשאַפט זיינען מאַרקס'ן געשטאַנען פאַר די אויגען די ענגלישע פערהעלטניסען, און ער האָט זיי גענומען פאַר א מוסטער פאַר אַלע לענדער. אין ענגלאַנד האָט זיך דאַמאַלס די לאַנדווירטשאַפט קאָנצענטרירט אויף דעם זעלבען אופן ווי די גרויס־אינדוסטריע. דאָס איז אַרויסגעקומען צוליעב די אַלטע פעאָדאַלע פערהעלטניסען. דער גאַנצער באָדען אין ענגלאַנד איז געווען מאָנאָפּאָליזירט פון די גרויסע לאַנד־איינגענטהימער. די פויערים זיינען צום גרעסטען טייל שוין געווען אָפּגעריסען פון דער ערד נאָך איידער די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט האָט דערגרייכט א העכערע מדרגה. און בכלל האָט דער מאַרקסיסטישער געזעץ פון קאָנצענטראַציע זיך ניט צוגעפּאַסט און זיך ניט געקענט צופּאַסען צו לאַנדווירטשאַפט ווי צו דער אינדוסטריע. אין דער לאַנדווירטשאַפטליכער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע איז די בעאַרבייטונג פון רויהע שטאָפען אין האַלב בעאַרבייטע סחורות און די האַלב־בעאַרבייטע סחורות אין פאַרטיגע אַרטיקלען א מעכאַנישער פּראַצעס. די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע איז א טעכניש־מעכאַנישער פּראַצעס. דאַגעגען איז די לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקציע דורכאויס אַן אָרגאַנישער פּראָצעס, ווייל נאָך אַלע גרויסע ערפינדונגען, נאָך אַלע נוצען פון דער כעמיע, זיינען

מיר נאָך אלץ ניט אזוי ווייט, אז מיר זאָלען די לאנדווירטשאפט אין גאנצען מעכאניזירען. און עס איז נאָך א גרויסע פראגע, צי עס איז איבערהויפּט מעגליך אזא זאך, און צי עס וועט ווען קומען אזא צייט, אז די אלע לעבענס־מיטעל, וואס די לאנד־ווירטשאפט גיט אונז זאָלען מיר קענען ארויסקריגען אויף א כעמישען וועג. אלענפאלס איז עס דערווייל דורכאויס אן אָרגאנישער פּראצעס און פאקטיש קען ניט זיין א לאנדווירטשאפטליכע קאנצענטראציע ווי ביי דער אינדוסטריע. עס איז אן אונמעגליכע זאך. דער אינדוסטריעלער קאפּיטאליסט קען אויף יעדען באליעבטען ארט אויפבויען א פאבריק און דורך מאשינען דאָרטען פארגרעסערען די אינדוסטריע ביז א הויכען גראד. און אויב מען איז אפילו אין דער לאנדווירטשאפט געקומען צו טעכנישע פארבעסערונגען און אינטענסיווער בעארבייטונג, קען מען עס אָבער ניט פארגלייכען מיט דער שטארקער קאָנצענטראציע פון דער אינדוסטריע. עס לאָזט זיך אָנגעבען נאָך א סך טעמים פארוואָס די קליין־פּראדוקציע אין דער לאנד־ווירטשאפט קען זיך האלטען געגען דער גרויס־פּראדוקציע. עס וואלט אונז אָבער צו ווייט פארפיהרט. מיר זעהן עס אבער פאקטיש איבעראל. מיר זעהן עס אין דייטשלאנד, אין דער איבעריגער אייראָפּא און אין די פאראייניגטע שטאאטען. די סטאטיסטיק ווייזט אומעטום, אז די קליין פּראָדוקציע אין דער לאנדווירטשאפט האלט זיך אויף געגען דער גרויס־פּראדוקציע און ערטערווייז צוואוקסט זיך נאָך די קליין־פּראדוקציע אויפ'ן חשבון פון דער גרויסער. זיכער האָט דער גרויס באזיץ אין לאנדווירטשאפט געוויסע פארציגע געגען קליין־באזיץ. דער גרויסער לאנד אייגענטימער קען זיך באנוצען מיט מעהר מאשינען, אָבער אפילו אין אויסנוצען מאשינען קען מען עס ניט צוגלייכען צו דער אינדוסטריע. אין לאנדווירטשאפט קען מען זיי נוצען נור אין געוויסע צייטען פון יאָהר, אין דער איבעריגער צייט קען מען זיך מיט זיי ניט באנוצען. חוץ דעם קענען די קליינע פויערים דורך קאָ־אָפּעראטיוון זיך איינהאנדלען די לאנדווירטשאפטליכע מאשינען און זיי טוען עס טאקע.. זיי קענען אויך האָבען דעמזעלבען פּאָרצוג ווי די גרויס פּראָדוקציע, ווען זיי אָרגאניזירען קאָ־אָפּעראטיוון פון קויפער און פארקויפער. קורץ און גוט, עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז אין לאנדווירטשאפט איז די קליינע פּראדוקציע זיך בכח צו האלטען.

מען קען נאָך צוגעבען, אז ביי דער לאנדווירטשאפטליכער קליין־פּראדוקציע ווערט פארשווענדעט מעהר מענשליכע ארבייט, ווי ביי דער גרויס פּראדוקציע. אויב מען זאָל עס אויסרעכענען אויף א ריין מעכאנישען אופן, איז עס טאקע אזוי, אבער די מענשליכע ארבייט איז ניט א ריין מעכאנישער פּראצעס, עס איז אויך א פּסיכישער און גייסטיגער פּראָצעס. דאָס

זיינען אלץ פארשיעדענע זאכען, וואס מיר ווילען קלאר מאכען דורך א ביישפיעל. לאמיר נעהמען א גרויסע פארם פון פיהצוכט. דארט איז פאראן א מענש, וואס קומט יעדען אבענד אין שטאל אריין א קוק טאן, צי אלץ איז ביי די בהמות אין ארדנונג. פאר דעם מענשען איז עס גאנץ געוויס אן ארבייט, פאר וועלכער עס דארף באצאהלט ווערען. אבער ווי קומט עס פאר ביי דעם קליינעם פויער? ער קומט אויך פון אוונט אין שטאל אריין נאכצוקוקען נאך די בהמות. פאר איהם איז עס אבער קיין ארבייט נים. פסיכיש איז עס זיכער א פארוועגדונג פון ענערגיע, אבער עס איז דאך פאר איהם קיין ארבייט ניט, אין יעדען פאל ניט אזא ארבייט ווי ביים געדונגענעם מענש, ווייל דער גייסטיגער צושטאנד איז ביי איהם א גאנץ אנדערער ווי ביי דעם געדונגענעם. פאר איהם איז עס א באשעפטיגונג, וואס באפרידיגט איהם, ער האט פארגעניגען, ווען מיט זיינע בהמות איז אלץ גוט. צוליעב אזעלכע טעמים איז דער קליינער פויער אומשטאנד מאנכע זאכען ביליגער צו פארקויפען, ווי דער גרויסער לאנד־אייגענטימער. מען טאר וועגען דעם קיין טעות ניט מאכען. אזעלכע פאקטען פיהלען זיך איבעראל.

אבער אין אלע פארטגעשריטענע לענדער, אין די אלע לענדער, וואס די מאדערנע אינדוסטריע האט ארומגעכאפט, קען מען זעהן, אז די צאהל באפעלקערונג וואס איז באשעפטיגט אין דער אינדוסטריע און האנדעל פארגרעסערט זיך, בעת די לאנדווירטשאפטליכע באפעלקערונג פארקלענערט זיך דורך'ן אוועקגעהן אין שטאדט. די בעלי מלאכות און די אזוי גערופענע פרייע פראפעסיעס, פארנעהמען אלץ א גרעסערען פלאץ אין'ם פאלק'ס לעבען. מען קען וועגען דעם ברענגען א גאנצען סטאטיסטישען מאטעריאל. איך וויל נאר ברענגען א ביישפיעל פון דייטשלאנד: אין 1882, ביי דער ערשטער אלגעמיינער צעהלונג פון באשעפטיגונגען איז די לאנדווירטשאפט אנגעגעבען געווארען ביי א צאהל מענשען, וואס איז געווען עטוואס קלענער ווי די צאהל באשעפטיגטע אין דער אינדוסטריע, מלאכה, האנדעל און פארקעהר צוזאמענגענומען. די צעהלונג פון 1907, אין גאנצען מיט א פערטעל הונדערט יאהר שפעטער, און וואס פאר א באדייט האט א פערטעל יאהרהונדערט אין דער געשיכטע פון א פאלק, האט שוין באוויזען, אז די צאהל באשעפטיגטע אין דער אינדוסטריע, האנדעל און פארקעהר איז דאפעלט די גרויס ווי ביי דער לאנדווירטשאפט. דער רעזולטאט פון אזא פראצעס איז געווען: וואס די לאנדווירטשאפטליכע באפעלקערונג האט פארלארען אלץ מעהר איהר באדייטונג און איהר ראלע אין סאציאלען לעבען. די שטאדט האט ווידער אנגעהויבען פאליטיש הערשען איבער'ן דארף כמעט ווי עס איז צייטווייליג געווען אמאל אין אלטערטום און אין מיטעל־אלטער. געוועהנליך ניט

אין אזא מאָס ווי דענסמאָל, אָבער אין דעם סאָציאַלען לעבען, אין קולטור־לעבען, אין דעם גאַנצען געדאַנקען־גאַנג און לעבענס־אויפפאַסונג פון דער באַפעלקערונג שרייבט פאַר די שטאָדט דעם דאָרף איהרע זיטען און אידעען. מיר זעהן פאַר זיך א פראָצעס, וואָס מען קען אָנרופען די פארשטאָדטיגונג פון דער קולטור. דאס זעהן מיר היינט אין דעם גיכען וואוקס פון די גרויסע און מיטעלע שטעדט. די צאהל גרויסע און מיטעלע שטעדט פארגרעסערט זיך וואס ווייטער און גלייכצייטיג וואַקסט אויך זייער באַפעלקערונג. אין דעם פראצעס לעגט ארויף דאס שטאָדטישע סאָציאַלע לעבען דעם שטעמפעל אויפ'ן קולטורעלען לעבען פון גאַנצען לאַנד, פון גאַנצען פאָלק. איך דערמאָן זיך אָן א צייט פון מיין יוגענד, ווען בערלין איז נאָך אייגענטליך ניט געווען קיין גרויסע שטאָדט אין זין פון א וועלט־שטאָדט, אָבער דאָך האָט זי שוין געהאַט געצעהלט א האלבען מיליאָן איינוואהנער, און איך געדענק נאָך זעהר גוט, ווי אינטים עס זיינען נאָך דאַמאלס געווען די פארבינדונגען צווישען דער שטאָדטישער באַפעלקערונג און דער דאָרפישער. און ביי א טייל בערלינער גופא איז נאָך דער אַרט לעבען געווען א דאָרפישער. וואָס איז אָבער היינט אין די מאָדערנע לענדער דער תוך פון דער אַגראַר פראַגע? עס איז דורכאוים ניט נאָר א געלט פראַגע. אמת, דער פויער קריגט איצט אויך גרעסערע סומען פאַר זיינע פראָדוקטען ווי פריהער. אָבער ער אליין, דער פויער, וויל אויך היינט אַנדערש לעבען ווי פריהער. אין מיין יוגענד־צייט איז דער פויער שטאָלץ געווען מיט זיינע דאַרפישע געוואוינהייטען. אויף דעם שטאָטישען האָט ער געקוקט פון אויבען אראָפּ. פונקט פארקעהרט קוקט ער איצט אויף איהם. ער, און אפילו זיין געדונגענער מענש, ווילען לעבען ווי די שטאָטישע. מיר זיינען עס גערן זיי צו ערלויבען, דאָס באַוויזט אָבער די וואַקסענדע באַדייטונג פון דער אינדוסטריע איבער דער באַדייטונג פון דאָרף. דאָס באַוויזט, ווי דער וואוקס פון די שטעט און די איבערוועגענדע גייסטיגע באַדייטונג פון דער אינדוסטריע און האַנדעל לאָזען זיך אַלץ שטאַרקער פיהלען אין דעם לעבען פון דער נאַציאָן. דאָס אונטערשטיצט די רייד פון קאַרל מאַרקס, ווען ער האָט באַוויזען, אז די קלאַסען, וואָס האבען די וויכטיגסטע באַדייטונג אין דער אינדוסטריע, וועלען אַלץ מעהר ווערען די וויכטיגסטע קלאַסען אויך אין דער נאַציאָן.

איצט קומען מיר צו אַן אַנדער פונקט פון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע וועגען דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, צו דער א ק ו מ ו ל י א צ י אָ נ ס ־ ט ע אָ ר י ע. ד.ה. די טעאָריע פון אָנזאַמלען דעם קאַפּיטאַל איז אַלץ ווייניגער הענד. ניט מיט דער קאָנצענטראַציע פון דער פראָדוקציאָן אליין, נאָר אויך מיט דער אָנזאַמלונג פון קאַפּיטאַל ביי א פארהעלטניס־

מעסיג קליינער צאָהל גרויס־קאַפּיטאַליסטען, האָט מאַרקס געגלויבט צו באַווייזען, אַז דער מיטעל־קלאַס וועט אַלץ מעהר פערשווינדען. דער וואוקס פון ריזיגע פאַרמעגענס, פון ריזיגע הכנסות מוז באַגלייט ווערען מיט דער פערקלענערונג פון די מיטעלערע קלאַסען. מיט אַנדערע ווערטער: דער גרויסער קאַפּיטאַל וועט דערשטיקען דעם קליינעם.

איז די פערשווינדונג פון מיטעלקלאַס טאַקע ריכטיג אין דעם מאַסשטאַב, ווי עס קוקט אויס ביי מאַרקס'ן? ווען מען שטעלט אונז אַזוי די פראַגע, מוזען מיר ענטפערען: ניין, אין אַזאַ אַבסאָלוטען מאַסשטאַב איז עס ניט ריכטיג. מיר זעהען טאַקע, ווי די ריעזען־פאַרמעגענס וואַקסען. מיר זעהען, ווי עס מעהרט זיך די צאָהל פון די מיליאָנערען און מולטי־מיליאָנערען אין די אַלע לענדער מיט אַ קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע. דערביי מוז איך באַמערקען, אַז אַמעריקאַ קען ניט באַזונדערס גילטען פאַר אַ באַווייז, אַז די טעאָריע איז ריכטיג. די ריעזיגע פערמעגענס, וואָס מיר זעהן היינט (1913, עד. בערנשטיין) זיינען ניט אַרויסגעקומען פון ריינער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע. ביז אַ גרויסען טייל זיינען זיי אַרויסגעקומען פון געשענקטען לאַנד און באָדען. דאָס וואָס מען האָט אַוועקגעשענקט אונערהערטע שטחים באָדען צו אייזענבאַהן געזעלשאַפטען און אַנדערע אונטערנעהמער, האָט צום גרעסטען טייל געלייגט דעם יסוד פאַר די ריעזיגע פערמעגענס פון די אַמעריקאַנער מולטי־מיליאָנערען. אָט די צוטיילונג האָט דאָרט געהאַט כמעט די זעלבע בעדייטונג, וואָס ביי אונז האָט אין זיין צייט געהאַט דער פעאָדאַליזם. אָבער ווי האַלט עס איצט? מיר זעהען ווי די אינדוסטריע און דער האַנדעל בעשאַפען ריעזיגע פערמעגענס און ריעזיגע הכנסות, אָבער די מיטעלע פערמעגענס און הכנסות פערשווינדען אויך ניט, יע זיי פערשווינדען אפילו פערהעלטניסמעסיג ניט. אומעטום צייגט זיך עס אַרויס. אָבער צו ברייגען אַ משל, וועלען מיר נעמען פּרייסען. אין פּרייסען איז זינט 1892 איינגעפיהרט געוואָרען אַ נייער איינקונפט־שטייער. אויפ'ן גרונד פון דעם איינקונפט־שטייער וועלען מיר אַ קוק טאָן ווי עס איז אָנגעגאַנגען מיט די הכנסות אין אַ משך פון צוואַנציג יאָהר ביז 1912. געוויס האָבען זיך די גרויסע הכנסות פון איבער איין מיליאָן מאַרק זיך פאַרדרייפאַכט. די צאָהל זייערע איז געשטיגען פון 31 אויף 87. אָבער די יעהרליכע הכנסות פון הונדערט טויזענד ביז אַ מיליאָן האָבען זיך מעהר ווי פאַרטאָפּעלט; זיי זיינען געשטיגען אויף 250 פּראָצענט, פון 1,028 אויף 4,369. הייסט עס, אַז אין יאָהר 1912 זיינען אין פּרייסען געווען 4,400 פערזאָנען וואָס האָבען געהאַט אַ יעהרליכען איינקונפט איבער הונדערט טויזענד מאַרק. דאָס וועלען מיר אָנרופען די גרויסע הכנסות. איצט געהען די גרויסע הכנסות פון יענע בירגערליכע שיכטען וואָס זיינען גוט אָפּ. די

הכנסות פון 30,500 ביז 100,000 מארק יעהרליך, האט זיך אין די צוואנציג יאהר אויך מעהר ווי פערדאפעלט, פון 9,039 זיינען זיי געשטיגען צו 21,000. נעהמט איצט די מיטעלע בור־זשואזיע מיט א יעהרליכער הכנסה פון 6,000 ביז 30,500 מארק. אפילו אט די הכנסות זיינען אין צאהל געשטיגען פון 101,000 אויף 189,000, ד.ה. אויף 88 פראצענט. בעת די בעפעלקערונג האט זיך פארגרעסערט נאר אויף איבער 30 פראצענט. איצט די הכנסות פון 3,000 ביז 6,000 וואס מען קען נאך אלץ ניט אנרופען פראלעטארישע, האבען זיך פערמעהרט פון 201,000 אויף 570,000, דאס מיינט ארום 185 פראצענט. אמת, פאר דער זעלבער צייט האט אויך דאס געלט פערלארעז עטוואס אין קויף־קראפט (געשריבען אין 1913). אבער ווען מען זאל אפילו ארונטערנעמען פון דער קויף־קראפט פון דעם געלט אפילו 50 פראצענט, בלייבט נאך א פיעל גרעסערער צוואוואקס אין ריינער הכנסה אין פערגלייך מיט'ן צוואוואקס פון דער בעפעלקערונג.

צום אנהויב האבען די תלמידים פון קארל מארקס, און צווישען זיי אויך מיין וועניגקייט, געגלויבט, אז מארקס'עס טעאריע וועגען דער קאנצענטראציע פון הכנסות וועט פארקור־מען אויפ'ן פאלגענדען אופן: מיר האבען זיך פארגעשטעלט, אז די סאציאלע פיראמידע פון פערמעגענס און הכנסות וועט אויסקוקען, לאמיר זאגען, ווי א פלאש, די גרויסע הכנסות וועלען אויבען בילדען דעם שטארקען קאפ פון פלאש, די האלז — די מיטעלע הכנסות — וועט שטענדיג דינער ווערען, און אונטען דער רונדער טייל איהרער — די מאסען ארבייטער מיט שלעכטע שכירות — וועט זיך אלץ פערגרעסערען און דיקער ווערען. אזוי האט אונז דענסטמאל אויסגעקוקט די טעאריע. מיר האבען געגלויבט, אז די האלז וועט זיך אזוי איינציהען, אז עס וועט בלייבען נאר דער אונטען און דער קאפ. אבער די פאקטישע ענטוויקלונג צייגט, אז עס איז ניט אזוי ווי מיט דער פלאש, נאר אין תוך בלייבט די פיראמידע פון איינקונפטען ווי זי איז געווען. זי וואקסט אין ארומנעס, אבער די מדרגות בלייבען די זעלבע.

דאס איז א רעזולטאט פון פערשידענע אומשטענדען. ערשטענס האבען מיר דעם פאקט, וואס דער קאפיטאל ברעקעלט זיך דורך דער פערמעהרונג פון שערס אין די גרויסע אונטער־נעהמונגען. די קאנצענטראציע פון דער אינדוסטריע קומט טאקע פאר, אבער דורך דעם ירושה רעכט און אנדערע אומשטענ־דען שפאלט זיך דער קאפיטאל וואס שטעקט אין דעם אייגענ־טום. אויך זעהען מיר היינט ווי דער קאפיטאל ווערט צושפרייט דורך דער פערמעהרונג פון קאלעקטיווע אונטערנעהמונגען, ווי אקציען־געזעלשאפטען, קאאפעראטיווען און אנדערע, וועגען וועלכע מארקס האט אפילו ביי א געלעגענהייט יע דערמאהנט. אבער ניט גענוג אכט געלייגט ביים צוזאמענשטעלען זיין טעאריע

אבער גראדע דורך אזוינע גרויסע אונטערנעהמונגען קענען די שערם פון די פערמעגענס צוטיילט ווערען אין א סך הענט. ווען מיר זאלען זיך גענויער צו דעם צוקוקען, ווילען מיר זיך אנשטויסען אויף גוואלדיגע ציפערען. פאר אונז אין דייטשלאנד איז עס אבער זעהר שווער, ווייל מיר האבען ניט איבער דער פראגע א פערטרויאונגסווערטע סטאטיסטיק. אבער אין ענגלאנד, וואו די אקציען געזעלשאפטען מוזען פיהרען ביכער און אפגעבען עפענטליכע בעריכטען, קען מען וועגען דער פראגע א סך זאכען פעסטשטעלען. און אומעטום צייגט זיך דארט ארויס, אז ביי די ריעזיגע אונטערנעהמונגען און די געוואלדיגע טראסטס, צוטיילט זיך דארט דער קאפיטאל אויף טויזענדער און טויזענדער אקציאנערען. און אויף אזא אופן איז עס מעגליך געווארען, אז אין דער זעלבער צייט, ווען מיר זעהן א קאנצענטראציע אין די אונטערנעהמונגען, א קאנצענטראציע וועגען וועלכער מען האט פריהער קוים געקענט דענקען, גלייכצייטיג קאנצענטרירט זיך אבער ניט די אנזאמלונג פון קאפיטאל. דאס איז א פאקט, וואס מארקס האט יע געזעהן, האט אבער דעם פאקט ווייטער ניט נאכגעפארשט.

דאס, און צווייטענס די מאדערנע ארגאניזאציע פון די גרויס־קאפיטאליסטישע אונטערנעהמונגען, די נייע פערבינדונגען אין דער פארם פון סינדיקאטען, טראסטס, א. אז. וו., וואס זיינען בעשאפען געווארען אויף אפצושוואכען די קאנקורענץ, האט געבראכט דערצו, אז נאך מארק'עס א טעאריע, א טייל פון זיין לעהרע איבער'ן קאפיטאליזם — זיין טעאריע פון קריזיסען זאל מאדיפיצירט ווערען. א לענגערע צייט האט מען געגלויבט, אז דאס שטרעבען פון איין אונטערנעמער צו פערטרייבען דעם צווייטען פון מארק, וועט פיהרען צו אלץ געפעהרליכערע קריזיסען. מארקס האט עס זעהר גוט בעגרינדעט, האט מען ערשטענס, געגלויבט אין דעם צוליעב טעארעטישע טעמים און אויפ'ן גרונד פון ערפאהרונג. מיר האבען זיך דעם פראצעס פארגעשטעלט אויף פאלגענדען אופן (איך אליין האב עס מיטגעמאכט): דאס בייטען זיך פון עקאנאמישער אויפבליהונג און קריזיסען וועלען ווי א ספיראל ווערען ענגער און ענגער, ביז וואנען עס וועט קומען אן אונפערמיידליכער צוזאמענברוך. דאס האט אונז געזאגט די לאגיק פון דער טעאריע און עס האט געשיינט, אז אויך די ערפאהרונג באשטעטיגט זי. די נייערע צייט האט אויך אין דעם אונז געוויזען אן אנדער בילד. זינט די ניינציגער יאהרען פון פערגאנגענעם יאהרהונדערט, איז דער לויף פון קריזיסען א גאנץ אנדערער. מיר האבען טאקע פון יענער צייט אן געהאט קריזיסען, אבער יעדען קריזיס איז מען איבערגעקומען אין פערלויף פון א צוויי יאהר און עס פלעגט אריינטרעטען א מעהר אדער ווייניגער גלענצענדער צושטאנד פון

געשעפטען אויף א יאָהר דריי אָדער נאָך מעהר. ווידער איז דער כאַראַקטער פון די קריזיסען ניט געוואָרען אַלץ פערניכטענ־דער ווי מען האָט געדענקט ער דאַרף זיין. א גאַנצע רייהע פון נייע פאַקטאָרען, ווי די בעסערע אויסאַרבייטונג פון סטאַטיסטיק, דער בעסערער איבערזיכט איבער די מערק, די בעסערע דיענסט פון טעלעגראַפיע, א. אז. וו. די געוואַלדיגע פערבעסערונגען פון די פערקעהרס־מיטלען, דער שטענדיגער וואוקס פון געזעלשאַפט־ליכער עשירות, האָבען אביסעל געענדערט דעם כאַראַקטער פון די קריזיסען און אָפּגעשוואַכט זייער צושטערענדע ווירקונג.

צי עס וועט שוין טאַקע אַזוי פערבלייבען מוז מען ערשט אָפּוואַרטען. מען מוז האָבען אין אויג נאָך אַ וויכטיגען פאַקטאָר: די בעוועגונג פון די פרייזען אויף די לעבענס־מיטלען. זינט די 80ער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט איז צוליעב די אימפּאָרטירטע לעבענס־מיטלען פון איבער'ן ים, דער פרייז זייערער שטאַרק געפאַלען אויפ'ן וועלט־מאַרק. די מאַסען האָבען דעריבער געקענט מעהר פערברויכען, בעזונדערס אין די לענדער וואו עס איז קיין שוץ־טאַריף ניט געווען, אָדער נאָר אַ קליינער אָפּצאָהל. צוליעב דעם האָבען זיי אויך געקענט קויפען מעהר אינדוסטריעלע פּראָדוקטען, און דאָס איז געווען איינע פון די ערשטע אורזאַכען, וואָס האָט געהאָלפען צו פערמילדערען דעם קריזיס. היינט האָבען מיר אבער א גאַנץ אַנדער פּראָצעס: עס ווערען אָנגענומען אַלע מעגליכע מלוכה־מיטלען, ווי, למשל, די העכערונג פון די שוץ־טאַריפען, כדי אויפצוהויבען די פרייזען, וואָס מיינט פאַקטיש טייערער צו מאַכען דאָס לעבען. חוץ דעם בעדאַרפען נאָך די מלוכות אַלץ גרעסערע מיטלען פאַר מיליטערישע צוועקען און נאָך אַנדערע נוצלאָזע אויסגאַבען. צי די קריזיסען וועלען נאָך אונטער אַזוינע אומשטענדען אויך בליי־בען אָפּגעשוואַכט, מוזען מיר איבערלאָזען צו דער צוקונפט. קיינער קען וועגען דעם ניט פאָראויסזאָגען. אבער פאָרלויפיג האָבען מיר דעם פאַקט, אז די קריזיסען האָבען זיך ניט פער־שאַרפט און האָבען זיך ניט ענטוויקעלט אויף דעם אופן ווי מאַרקס האָט עס פאָראויסגעזאָגט. דאַריבער מוז די טעאָריע פון קריזיסען אויך אויף אַזוי ווייט מאָדיפיצירט ווערען.

אבער דורכדעם מוז שוין אויך מאָדיפיצירט ווערען מאַרקס געצויגענער שלוס,—דער געדאַנק פון אַן עקאָנאָמישער קאַטאַ־סטראָפע; די טעאָריע, אז צוליעב דער איבער־פּראָדוקציאָן ווי אַ רעזולטאַט פון דער אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציאָן, וועט סוף כל סוף פיהרען צו אַן אונגעהויערער ארבייטסלאָזיגקייט און צו דעם חורבן פון דעם גאַנצען ווירטשאַפטליכען לעבען, וואָס וועט אויך אַרויסרופען אַ קאַטאַסטראָפע אין פּאָליטישען לעבען. איך מיין דאָ די טעאָריע פון עקאָנאָמישען און פּאָליטישען צוזאַמענ־ברוך, וואָס מאַרקס האָט אַזוי בולט געשילדערט אין זיין פאַר־

לעצטען קאפיטעל פון „קאפיטאל”. אויך אט די טעאריע מוז אין דער געשילדערטער פארם אויפגעגעבן ווערען *)

עס איז דא נאך א פאקטאר, וואס ווירקט געגען דער ענטוויקלונג פון קריזיסען און געגען אן עקאנאמישען צוזאמענברוך, ווי דער מארקסיזם וויל עס האבען. ווייל די ענטוויקלונג פון קאפיטאליזם האט גענומען א לענגערע צייט, ווי מארקס און ענגעלס האבען זיך פארגעשטעלט, האט זיך דערוויייל ביסלעכווייז דער שטאאט ארייגעמישט מיט זיין געזעצגעבונג אין דער טעטיגקייט פון קאפיטאל, און אין אלע מאדערנע לענדער פיהרט די רעגיערונג א ווירטשאפטליכע פאליטיק. וויעדער האט זיך זעהר פערמעהרט די צאהל רעגיערונגס־ און קאמונאלע אונטערנעהמונגען. ווען מארקס האט געשריבען זיין ווערק, איז כמעט קיין רעגיערונגס־אייזענבאהנען ניט געווען. די ענגלישע אייזענבאהנען זיינען נאך אויף היינטיגען טאג פריוואטע. די גרעסטע צאהל אייזענבאהנען אין דייטשלאנד זיינען דענסטמאל געווען פריוואטע. דאס אייגענע אין פראנקרייך און אין אנדערע לענדער. איצט, אבער, פערוואלטען שוין די לענדער גופא די מעהרסטע אייזענבאהנען. אויך קויהלען־מינען און אנדערע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען ווערען איבערגענומען פון די רעגיערונגען. אויך די שטאדטישע פערוואלטונגען האבען ארויסגענומען פון פריוואטע הענד אלערליי אונטערנעהמונגען, און גאר אין דער לעצטער צייט איז די טענדענץ דורך פרייע קאאפעראטיווען אין גאנצען אבצושוואכען די קאנקורענץ. אויב אפילו די מלוכה נעהמט ניט איבער די גאנצע אינדוסטריע, שרייבט זי אבער פאר געזעצען און כללים און צווינגט זי צו ריכטען זיך אין א געוויסען וועג. מען דארף זיך נאר דערמאהנען אן די אינדוסטריעלע און פאבריק געזעצען אין דייטשלאנד און אין אנדערע לענדער. בקיצור, די ארגאניזירטע געזעלשאפט צוימט וואס וויטער אלץ מעהר איין די פריוואטע הערשאפט פון פריוואטען קאפיטאל, און דעריבער קען זיך ניט פערוויקליכען די טענדענץ פון צוזאמענברוך ווי עס האט פריהער געשיינט. די געגענווירקונג פון דער געזעלשאפט וועט נאך ווערען אלץ שטארקער און שטארקער.

אבער די ניט־צוגעפאסטקייט פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציע צו די בעדערפענישען פון דער געזעלשאפט, ווייזט זיך דאך ארויס אין אלע פארטגעשריטענע לענדער. זאל זיין אויף אן אנדער אופן. זאל זיין ניט אין דער פארם פון אן איינער־

*) אזוי זיינען געווען די בעדינגונגען אין 1913. די לאגע, וואס דער וועלט־קריעג האט געשאפען, האט די קריזיסען צוגעגעבען א גאנץ אנדער פנים. אין דייטשלאנד מיט דעם שטייגענדען יקרות און מיט די ניעדריגע שכירות זיינ'ען די מעהרסטע ארבייטער און אנגעשטעלטע אין דעמזעלבען צושטאנד ווי אין ענגלאנד די ערשטע צעהן יאהר נאך די נאפאלעאנישע מלחמות.

ליכען קריזיס, ווי מארקס האט עס פאראויסגעזאגט. אבער עס ווייזט זיך דאך ארויס. ערשטענס צוליעב דער ענטוויקלונג פון קאפיטאליסטישער מאנאפאליזירונג אין שטאדט און דארף, וואס האט אנגענומען אזא גרויסען מאסשטאב, אז עס האט מעהר קיין מעלות ניט געגען שטאאט - אינדוסטריע. אט די אלע פריוואטע מאנאפאליען מוזען פערשווינדען. און די נאציאנען ווערען געטריבען צו קלערען, אז אויב שוין יא א מאנאפאל, איז שוין בעסער א קהל'שער, וואס זאל געפיהרט ווערען אין די אינטערעסען פון כלל און ניט פון איינצעלנע קאפיטאליסטען, וואס ווערען די בעל הבתים איבער גאנצע צווייגען פון דער אינדוסטריע. קענען דאך שוין היינט-צו-טאג די קעניגע פון פינאנץ, דורכ'ן ארויסציהען דאס געלד פון מארק, ארויסרופען א געלד-קריזיס און פאראליזירען גאנצע אינדוסטריען וואס זיינען פון דער גרעסטער וויכטיגקייט פאר דער פאלקס-ווירטשאפט. האט דאך שוין די מעגליכקייט דער גרויס-קאפיטאל, ווי למשל, אין די פעראייניגטע שטאאטען, צוריקצו-האלטען פון מארק, צוליב ספעקולאציע, די גאנצע בוימוואל און דורכדעם ארויסרופען א קריזיס אין דער טעקסטיל אינדוסטריע און אנמאכען א חורבן ביי צעהנער, אויב ניט הונדערטער, טויזענ-דער שפינער און וועבער. דאס אלץ איז מעגליך ביי דער הערשאפט פון גרויס-קאפיטאל און דעם אופן פון זיין אנ-זאמלונג.

דאס איז דאס בילד וואס איך האב צו געבען פון דער מארקסיסטישער טעאריע וועגען דער קאפיטאליסטישער געזעל-שאפטליכער ענטוויקלונג. די קאנצענטראציע פון דער אינ-דוסטריע איז אן אמת און דעריבער איז אויך ריכטיג דער וואוקס פון דער קלאסען-צוטיילונג. דער ארבייטער-קלאס וואקסט איז אלע מאדערנע לענדער. דאס איז די בעדייטענדסטע ערשיינונג.

צוזאמען מיט'ן ארבייטער-קלאס וואקסט אויך זעהר שטארק דער קלאס פון אנגעשטעלטע און בעאמטע. פערהעלטניס-מעסיג וואקסען זיי נאך שנעלער פון ארבייטער-קלאס. נעהמען מיר, צום ביישפיעל, די אמעריקאנער פעראייניגטע שטאאטען פאר א פעריאד פון 10 יאהר, פון 1899 ביז 1909, זעהען מיר, ווי די קליינע אונטערנעהמונגען, וואס זייערע בעל הבתים זיינען מעהר הענדלער ווי פראדוצירער, האט זיך פערגרעסערט אויף 30 פראצענט. פאר דער זעלבער צייט האט זיך די צאהל לוין-ארבייטער פערגרעסערט אויף 40 פראצענט. דערפאר איז אבער די צאהל אנגעשטעלטע געוואקסען אויף גאנצע 117 פראצענט.

אן עהנליכען בילד צייגט אויך די דייטשע סטאטיסטיק, וואס איז במילא אלעמען בעקאנט. אין אלע קאפיטאליסטישע לענדער איז די צאהל פון די אנגעשטעלטע, פון דעם אזוי-גערופענעם נייעם מיטעל-שטאנד, נאך שנעלער געוואקסען ווי

די צאָהל לוין־ אַרבייטער. אָבער אַט דער נייער מיטעל־שטאַנד דענקט אַנדערש און פערשטעהט אַנדערש ווי דער אַלטער מיטעל־שטאַנד. זעהען מיר טאַקע אין די גרויסע שטעדט מיט די גרויסע געשעפטען, וואו די צאָהל אַנגעשטעלטע וואַקסט זעהר שנעל, ווי אַ 70—80 פּראָצענט אַנגעשטעלטע וואָס ווערען שלעכט בעצאָהלט, פיהלען זיך כמעט פאַר לוין־אַרבייטער און הויבען אָן אַלץ מעהר צו דענקען ווי לוין־אַרבייטער.

מיט דער קאָנצענטראַציע פון דער אינדוסטריע, וואַקסט אַלץ מעהר דער אַרבייטער־קלאַס און אויך די אַנדערע שיכטען, וואָס געפינען זיך אין דער זעלבער לאַגע ווי די לוין־אַרבייטער.

דאָס פיהרט אונז צום דריטען טייל פון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע: צום פּראָלעטאַרישען קלאַסענקאַמפּף אין דער קאַפּיטאַ־ליסטישער געזעלשאַפט.

4. די לעהרע פון קלאַסענקאַמפּף אין דער נייער צייט.

מיט דעם פעסטגעשטעלטען פאַקט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט וואַקסט אין אַלע לענדער און ווערט ביסלעכווייז דער צאָהל־רייכסטער געזעלשאַפטליכער קלאַס, פערבינדט מען אָפט נאָך אַ פראַגע.

מען פרעגט געוועהנליך: איז טאַקע ריכטיג מאַרקס׳ אויס־געשפּראָכענע מיינונג, אַז דער אַרבייטער־קלאַס ווערט אַלץ מעהר פעראָרימט אונטער דער הערשאַפט פון קאַפּיטאַל? אויב מען זאָל אָננעהמען דעם וואָרט „פעראָרימט“ אין אַבסאָלוטען בוכ־שטעבליכען זין, אַז די אַרבייטער פאַלען אַריין אַלץ ווייטער אין אַ גרעסערען עלענד, וועלען מיר מוזען זאָגען: אַזאַ פעראָרימונג פון אַרבייטער קלאַס אין ענטוויקעלטע לענדער קומט ניט פאָר.

אָבער עפּעס אַנדערש קומט יאָ פאָר: און דאָס איז דער וואַקסענדער אונטערשיעד אין דער סאָציאַלער לאַגע פון די קלאַסען. אַ דערווייטערונג צווישען די קלאַסען. פריהער האָבען מיר געגלויבט, אַז מען קען פערגלייכען די געזעלשאַפט־ליכע פּיראַמידע צו אַ פלאַש, איצט קענען מיר עס בילדליך פערגלייכען צו אַ האַרמאָניק, וואָס ווערט געצויגען פוןביידע זייטען און וואָס שטאַרקער מען ציהט אַלץ מעהר דערווייטערט זיך איין טייל פון צווייטען. דאָס גיט אונז אַ קלאָר בילד וועגען דער בעוועגונג פון די גרופּען־איינקונפטען אין דער היינטיגער געזעלשאַפט. עס ווייזט אונז דעם גרויסען חילוק צווישען דעם איינקונפט פון דער אַרבייטער בעפעלקערונג און די ריעזיגע הכנסות פון דעם אויבערשטען טהייל, די רייכע לייט. אָט דער חילוק ווערט אַלע מאָל גרעסער. ווען אפילו די צאָהל בעזיצענדע ווערט ניט קלענער, ווערט אָבער דער

סאָציאַלער חילוק אַלץ גרעסער, און אַלץ מעהר וואַקסען אויך די פּאָדערונגען פון לעבען. מען קריטיקירט, וואָס ביים אַרבייטער־קלאַס וואַקסען אַלץ די לעבענס־פּאָדערונגען. איך וויל דאָ ניט רעדען ווי ווייט די סאָציאַלע אונצופריעדענהייט און דער שטענדיגער גלוסטען נאָך בעסערס איז אַ וויכטיגער קולטור־פּאַקטאָר. אָבער דאָס טאָר מען ניט פערגעסען, עס איז דאָך ניט דער אַרבייטער אַליין, ביי וועמען די פּאָדערונגען שטייגען. דאָס גאַנצע מאָדערנע לעבען שטעלט צו איהם העכערע פּאָדערונגען. די קולטור וואָס שטייגט צוזאַמען מיט דער מאָדערנער ענטוויקלונג, ברענגט אויך געהעכערטע פּאָדערונגען אין אַרבייטער'ס אַרט לעבען. אין פיעלע הינזיכטען קען ער גאָר ניט פיהרען מעהר זיין אַלטען שטייגער לעבען, זיין אַמאָליגען עלענדען לעבען און ער זאָל ניט בלייבען קולטורעל הינטערשטעליג פון דער צייט. אין אַ סך שטעדט, און עס איז אַ גליק וואָס עס איז אַזוי, קען גאָר דער אַרבייטער ניט קריגען די אַמאָליגע אַלטע, אונגעזונטע וואָהנונגען זיינע, ער מוז וואָהנען אין נייערע בעסערע דירות. ער מוז אָבער פאַר זיי טייערער בעצאָהלען און דאָס אייגענע איז מיט'ן מעבעל און אַנדערע זאַכען. מיט איין וואָרט, עס איז איצט גאָר אַ גאַנץ אַנדערער אַרט לעבען. און עס איז גאַנץ נאַטירליך, וואָס דער אַרבייטער מוז אויך האָבען די נויטיגע לעבענס־בעדינגונגען, פון וועלכע ער קען זיך ניט אָפּזאָגען.

וויבאַלד די לעבענס־בעדינגונגען פון דעם אַרבייטער וואַקסען, ווערט אויך אַ מוז דאָס אָרגאַניזירען זיך מיט'ן צוועק אויסצוקעמפּפען פערבעסערונגען. עס איז אַ מוז פאַר'ן אַרבייטער, ווייל אַן איינצעלנער קען גאָר ניט דערגרייכען געגען דעם אָרגאַניזירטען קאַפּיטאַל. אָבער אַן אַרבייטער אָרגאַניזאַציע איז ניט נאָר אַ נויטווענדיגקייט פּאַר'ן אַרבייטער, נאָר אויך אַ נויטווענדיגקייט פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט אין אַלגעמיין. פּאַרוואָס? ווייל דער אַרבייטער קלאַס ווי אַ גאַנצער, צוליעב זיינע סאָציאַלע בעדינגונגען, מוז שטענדיג זיין אַ פּראָגרעסיווער פאַקטאָר, קיין אַנדער געזעלשאַפטליכער קלאַס קען עס אויך אַזוי פיעל ניט זיין, ווייל די אַרבייטער קענען נאָר געווינען אין סאָציאַלען פּראָגרעס, בעת אַנדערע קלאַסען האָבען טיילווייז מורא צו פערליערען, און איינִיגע וועלען טאַקע מוזען פערליערען אויך. דער אַרבייטער, ווי אַ מיטגליעד פון זיין קלאַס, איז מיט זיין גאַנצען קיום פערבונדען מיט'ן פּראָגרעס און מוז בעקעמפּפען אַלע שטערונגען. דאָס איז ניט אַ טענדענציעזער לויב־געזאַנג צו די אַרבייטער. דאָס איז אַ פאַקט, וואָס מען קען איהם גאַנץ גוט זעהן. דאָס האָט די פּראַקטיק געוויזען אין די שטאָטישע זעלבסט־פערוואַלטונגען און פּאַרלאַמענטען, וואו אַ דאַנק דעם וואַהל־רעכט דרינגען די אַרבייטער אַלץ מעהר אַריין.

מיר האבען א סך בעווייזע פון פארטגעשריטענע לענדער, וואו די פארטייען בעקעמפפען זיך — איך מיין די ארבייטער פאר־טייען און די בירגערליכע פארטייען — פון דעסטוועגען לייגען די עהרליכע בורזשואזע רעפארמער און פאליטיקער פאקטיש זייער האפנונג, מען קען אפט זאגען, זייער איינציגע האפנונג, אויף'ן ארבייטער קלאס און זיין ארגאניזאציע. הערט מען זיך צו, וואס עס זאגען די בעסערע געלעהרטע, און וואס עס רעדען צווישען זיך אפילו בעאמטע פון מיניסטעריומס, וואס האבען אנערקענט די נויטווענדיגקייט פון רעפארמען, וועט איהר הערען, ווי זיי האפען גאנץ שטארק אויף דעם דרוק וואס דער ארבייטער קלאס וועט אויסאיבען.

איך קען איינעם אזא ציטירען, און קען זאגאר אנרופען זיין נאמען, ער איז שוין ניט צווישען די לעבעדיגע, דאס איז געווען דער אבער־בירגערמייסטער פון בערלין, דער פערשטארבענער דר. קירשנער. אט דער שוין גאר ניט ראדיקאלער מענש, האט איין מאל געזאגט, ווען ער האט גערעדט וועגען דער סאציאל־דעמאקראטיע אין דער בערלינער זעלבסט־פערוואלטונג: „געוויס ערגערט איהר אונז זעהר שטארק אויף די אלגעמיינע זיצונגען, אבער אין די קאמיסיעס זיינט איהר אונזער זיכערסטע שטיצע".

ווי קען מען עס פערשטעהן? גאנץ פשוט: דער מאגי־סטראט, די העכערע פון דער פערוואלטונג מוזען זיך ביז א געוויסען גראד רעכענען אין די שטאדטישע ענינים אויך מיט די אינטערעסען פון דער ברייטער בעפעלקערונג, ווען עס איז אפילו געגען די אינטערעסען פון געוויסע שיכטען, וואס שטעהען אפילו נאהענט צו זיי. און ווען זיי טהוען עס, האבען זיי פאר זייערע שטארקסטע מיטהעלפער די פערטרעטער פון די ארביי־טער. דער ארבייטער־קלאס האט ניט קיינע בעזונדערע אינטע־רעסען, וואס זאלען זיין געגען דער ברייטער בעפעלקערונג און דעריבער געהען שטענדיג זיינע פערטרעטער מיט די מאגיסטרא־טען ווען זיי ווילען דורכפיהרען א וויכטיגע רעפארמע.

דאס, וואס דער אבער־בירגערמייסטער האט געזאגט, זאגט מען ניט, פערשטעהט זיך, אין פארלאמענט, אבער איך אלס פארלאמענטאריער, האב ניט איינמאל געהאט די געלעגענהייט צו בעמערקען אויף די מיניסטער'שע פנים'ער, ווען זיי האבען אין רייכסטאג געפיהרט צוליעב וואס־עס־איז א קאמפף מיט זייערע קרובים די אגראריער אדער אנדערע קאנסערוואטארען. א שטומע מינע, וואס האט אבער גערעדט: „גאט צו דאנקען, וואס מיר האבען נאך א סאציאל־דעמאקראטיע!" *)

*) איך גלויב, אז עס וועט ניט זיין איבריג צו דערמאנען, אז דאס איז א פארטראג פון 1913. איצט, נאך דער מלחמה, האבען די ארבייטער אין דייטשלאנד און אנדערע לענדער בעקומען זאך א גרעסערען איינפלוס אויף די געזעצגעבענדע קערפערשאפטען, און דאס אויבענדערמאנטע ווערט נאך מעהר בעשטעטיגט.

מעגליך, אז מען וועט עס גלייך ניט בעמערקען, ווי מערקווירדיג עס בעשטעטיגט זיך מארקס'טעאריע, וואס האט נאך דאמאלס אנגענומען די פאליטישע רעוואלוציע ווי אן אויסגאנגספונקט פאר דער בעפרייאונג פון פראלעטאריאט. דערביי דארף מען נאך ניט פערגעסען, אז מארקס און ענגעלס האבען זייער טעאריע אויפגעבויט אין 1847, ווען אויף דער גאנצער וועלט, א חוץ אין דער שווייץ, האבען די ארבייטער נאך קיין שטימרעכט ניט געהאט. אין די אלע פארלאמענטען, וואס זיינען שוין געווען צו יענער צייט, איז דער ארבייטער־קלאס ניט געווען פערטרעטען. אומעדום איז דאס וואהלרעכט געווען פערבונדען מיט א הויכען צענז. אפילו אין 1866, ווען מארקס האט פערענדיגט זיין „קאפיטאל", האט נאך דאס גלייכע וואהלרעכט פון די ארבייטער אין ערגעץ קיין פראקטישען אויסדרוק ניט באקומען. און דאריבער האבען מארקס און זיינע אנהענגער געמוזט גלויבען, אז די פאליטישע מאכט וועט דער ארבייטער קענען ארייננקריגען נאר דורך רעוואלוציעס אין אמאליגען זין פון ווארט. איך האב שוין אנגעוויזען. ווי ווייט דער גאנג פון סאציאלער ענטוויקלונג האט זיך פון יענער צייט אן געענדערט, ווי ווייט די געזעצגעבונג איז געצוואונגען ארויפצולאזען דעם ארבייטער אויף אלץ נייע, מעהר גינסטיגע וועגען. עס האט זיך ענטוויקעלט א גאנץ אנדער עפענטליכער לעבען. די פארלאמענטען און די זעלבסט־פערוואלטונגען גופא זיינען טייל דעמאקראטיזירט געווארען אדער אויפ'ן וועג דעמאקראטיזירט צו ווערען. דעריבער האט זיך אויך געמוזט ענדערן די בעוועגונג און איהרע מיטלען.

די עפאכע מעג זיך זיין אן אנדערע, אבער דער אינהאלט בלייבט שטענדיג דער זעלבער. אז מיר געהען צו א נייער געזעלשאפט קען שוין מעהר קיינער ניט בעשטרייטען. אויף וואס פאר אן אופן דאס וועט פארקומען, צי די צוקונפט וועט נאך ברענגען שטורמישע רעוואלוציעס, אדער עס וועט פארקומען אויף א פרידליכען וועג, צי מען וועט נאך מוזען קעמפפען דורך א שטורם פון ליידענשאפטען, אדער עס וועט עררייכט ווערען מיט די איינפאכע פריעדליכע מיטלען פון ארגאניזאציע, איז שווער צו זאגען. מיר זעהען נאר ווי אונז קומט אנטקעגען א געזעלשאפטליכע איבערקעהרעניש, וואס גרייפט אן אלע איהרע יסודות: דאס וויסענשאפטליכע לעבען, די בעגריפען פון רעכט, די פאליטישע בעגריפען און אויך די מאראלע בעגריפען, פון וועלכער עס שטאמט אפ א גאנץ אנדער בעגריף וועגען געזעלשאפטליכער סאלידאריטעט, ווי מען האט עס פריהער פערשטאנען. און דער שטארקסטער סאציאלער פאקטאר, דער שטארקסטער סוביעקטיווער פאקטאר אין דער דאזיגער געזעלשאפטליכער ענדערונג, איז דער ארבייטער־קלאס, סאי אויפ'ן

פּאָליטישע, סײַ אויפ׳ן אינדוסטריעלע און סײַ אויפ׳ן קאַפּעטאַטיווע געביעט.

5. דער סך הכל.

דאָס זיינען די דריי עיקרים פון מאַרקסיזם: די געשיכטליכע פילאָזאָפיע, דער אַנאַליז פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און די טעאָריע פון קלאַסענקאַמפף פאַר דעם ארבייטער אין דער היינטיגער געזעלשאַפט. יעדער איינציגער טייל פון זיי איז מאָדיפיצירט געוואָרען דורך נייערע אונטערזוכונגען און דורך דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג גופא. אבער אין די גרונד־בעגריפען איז דער מאַרקסיזם נאָך פערשטאַרקט געוואָרען. דאָס וואָס איז שייך צו די טיעפסטע געדאַנקען פון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע, האָט זיי די געזעלשאַפטליכע ענטוויקלונג בעשטעטיגט. און איך זאָג נאָכאַמאָל, אַז עס קומט אָן די צייט, ווען דער ארבייטער־קלאַס, וואָס איז שוין היינט אין די פאָרטגעשריטענע לענדער דער שטאַרקסטער געזעלשאַפטליכער קלאַס, וועט זיכער ווערען דער הערשענדער קלאַס, כ׳מיין אין דעם זין, וואָס ער וועט ארויפלעגען זיין שטעמפּעל אויף דער געזעלשאַפט און דורכזעצען זיינע אידעען און בעגריפען פון מאָראַל און רעכט. און זיכער וועלען די אלע כוחות, וואָס שטעהען איהם היינט־צו־טאָג אין וועג, צוזאַמענברעכען, און ער וועט אויף איין אופן אָדער אויף אַ צווייטען ווערען די פּאָליטישע מאַכט פון דער מלוכה, און וועט אין רעגיערונגס־לעבען ארייגבלאָזען זיין גייסט. און דאָס האָט מאַרקס פאָראויסגעזעהן. מיר קענען אָנצייגען אויף די אָרגאַניזאַציאָנען פון ארבייטער־קלאַס, וואָס זיינען שוין פאַראַן היינט־צו־טאָג און וואָס כאַפּען אַרום מיליאָנען אַרבייטער. זייער ווירקונג צייגט, אַז עס איז ניטאָ וואָס צו שרעקען זיך פאַר דעם גורל פון דער קולטור ביי דעם ענדליכען אַרבייטער־זיעג, וואָס אַ סך האָבען געהאַלטען פאַר אַ געפאַהר פאַר דער קולטור, און פאַר וואָס מען האָט טאַקע אַ געוויסע צייט געקענט מורא האָבען. עס ווייזט זיך ארויס, אַז מיט דעם וואוקס פון די ארבייטער אָרגאַניזאַציאָנען וואַקסט אויך דאָס שטרעבען נאָך בילדונג. און מיט דער ענטוויקלונג פון די ארבייטער אָרגאַניזאַציעס וואַקסט אויך זייער אינטערעס צו די קולטורעלע אוצרות. עס שטאַרקט זיך דאָס בעוואוסטזיין, אַז די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, און דורך זיי דער אופן פון ארבייט, די עקאָנאָמיע, די בעציהונג פון דעם מענשען צו דער נאַטור, די פּאָליטישע און די אלגעמיינע סאָציאַלע ענטוויקלונג, די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע און איהר צוגעפּאַסטע ווירטשאַפט, שאַפען די אָביעקטיווע בעדינגונגען און די סוביעקטיווע כוחות פאַר אַ נייער געזעלשאַפט, און דער מיטעל־פּונקט פון די כוחות איז דער אַרבייטער־קלאַס. אַט

דער בעוואוסטזיין **איז דאס בלייבענדע אין מארקסיזם**; וועגן זיין ענדליכען זיעג איז ניטא וואס צו צווייפלען.

און אז אזא זיעג וועט קומען, וועל איך ביים סוף פון פארטראג אילוסטרירען נאך מיט א קליין בילד. אין דער ענגלישער רעוואלוציע פון 17טען יאהרהונדערט איז געווען א צייט, ווען די ארמעע, וואס איז דאן געווען די דעמאקראטיע פון לאנד, האט מורא געהאט, אז די העכערע מיליטער־פערוואלטונג: קראמוועל, פעירפאקס און אנדערע, זאלען איהר ניט פערראטהען צום קעניג קארל, וואס איז געווען אינטערנירט אין א שלאס אין דער פראווינץ. האט איינער פון א דעמאקראטישען רעגי־מענט, דער פאהנען־טרעגער דזשאנס, גענומען צוויי אפטיילונגען דראגונער, איז אוועקגעריטען צום שלאס, איז אריין אין קעניג'ס צימער און איהם געמעלדעט, אז ער איז ארעסטירט. „וואו איז אייער געשריבענע פולמאכט?" האט דער קעניג געפרעגט. דער פאהנענטרעגער איז צוגעגאנגען צום פענסטער, איהם פונאנדער־געעפענט און אנגעוויזען אויף די דראגונער: „דאס איז מיין פולמאכט!" און דער קעניג קארל, וואס האט געהאט א געוויסען הומאר, האט א זאג געטהאן: „דאס איז זעהר א דייטליכע האנדשריפט". און האט זיך געלאזען נעהמען געפאנגען.

ווען מיר זאלען היינט קענען ארויסרופען קארל מארקס גייסט און איהם פארלעגען די פראגע: „דו האסט א טעאריע געשאפען, האסט אונז פאראויסגעזאגט אזא און אזא צוקונפט. וואו זיינען דיינע בעווייזע?" וואלט אונז קארל מארקס שאטען געקענט ענטפערן: זעהט די מיליאנען און מיליאנען ארגאני־זירטע ארבייטער, ארגאניזירט אין פאליטישע ארבייטער פאר־טייען, ארגאניזירט אין געווערקשאפטען, ארגאניזירט אין קא־אפעראטיווען, זעהט די ארבייטער אין די פארלאמענטען אין די זעלבסט־פערוואלטונגען מיט זייער וואקסענדען וויסען, שאפונגס־דראנג און שאפונגס־מעגליכקייטען, דאס זיינע מיינע בעווייזע!"

דאס זיינען די בעווייזע פאר דאס, וואס איך רוף: **דאס בלייבענדע אין מארקסיזם.**